

NYC Health

# די ניו יארק סיטי
# Abortion Access Hub
# (אבארשען צוטריט צענטער)

## צושטעלנדיג קאנפידענטשעל שטיצע פאר אבארשען סערוויסעס און קעיר

אבארשען איז א זיכערע און פארשפרייטע העלט קעיר סערוויס צו אויפהערן זיין טראגעדיג. אין די פאראייניגטע שטאטן האבן איינס פון יעדע פיר פרויען אן אבארשען ביז די 45.* די באשלוס צו אריבערגיין אן אבארשען איז פערזענליך. עס קומט נישט אז קיינער זאל אייך דרוקן יא אדער נישט צו אריבערגיין אן אבארשען.

אין ניו יארק סיטי (New York City, NYC) איז אבארשען לעגאל, זיכער און דא צו באקומען פאר יעדער וואס דארף עס דורך די NYC אבארשען צוטריט צענטער, אפגעזעהן פון אימיגראציע אדער אינשורענס סטאטוס. **צו ווייטער געשיקט ווערן פאר סערוויסעס, רופט די צענטער אויף 877-692-2482 פון מאנטאג ביז פרייטאג, 8 אינדערפרי ביז 8 אוונט.**

די צענטער פארבינדט רופער מיט לייסענסירטע אבארשען קעיר פראָווײדערס אין NYC. אויב א רופער דארף פינאנציעלע הילף, פארבינדן זיי די צענטער'ס אגענטן צו הילפס מיטלען, צום ביישפיל פינאנציעלע הילף פאר די אבערשען פראצעדור און הילף מיט טראנספארטאציע אדער פלאץ צו איינשטיין. רופער וועלכע קענען מעגליך זיין בארעכטיגט פאר Medicaid ווערן פארבינדן מיט אזעלכע פראָווײדערס וועלכע קענען איינשרייבן זייערע פאציענטן אין Medicaid.

אלע טעלעפאן רופן צו די צענטער זענען קאנפידענטשעל און אן א נאמען. קיין שום אינפארמאציע וואס קען אידענטיפיצירן די רופער ווערט נישט אפגענומען אדער רעקארדירט, און די איינגעשטעלטע שטעלן צו שטיצע אין מערערע שפראכן, אריינרעכענענדיג ענגליש, ספאניש, פראנצויזיש, העיטשען קרעאל, כינעזיש, בענגאלי, רוסיש, אידיש און נאך.

ביטע מערקט אן אז עס זענען דא פלעצער וועלכע זענען קעגן אבארשען – צומאל גערופן קריזיס טראגעדיגקייט צענטערן אדער טראגעדיגקייט הילפס מיטלען צענטערן – וועלכע פרובירן צו אפשטעלן מענטשן פון באקומען אבארשענס. אויב טרעפט איר זיך אן אין א פאלשע קליניק, דאן באריכט זיי דורכן רופן **311**. די פלעצער זענען נישט פארלאנגט דורך די געזעץ צו האלטן אייערע פערזענליכע אינפארמאציע פריוואט. אויב גלויבט איר אז א פירמע אדער ארגאניזאציע פארלעצט מענטשן'ס געזונטהייט פריוואטקייט רעכטן, קענט איר אריינגעבן א קלאגע צו די פאראייניגטע שטאטן דעפארטמענט פון געזונטהייט און היומען סערוויסעס (Department of Health and Human Services) אויף **hhs.gov/hipaa/filing-a-complaint**.

- אין NYC קענט איר באקומען אן אבארשען פאר סיי וועלכע סיבה ביז אזויפיל ווי 24 וואכן זייענדיג טראגעדיג אדער שפעטער – אויב אייער געזונטהייט איז אין געפאר אדער אויב די עובר וועט נישט איבערלעבן.
- אויב דארפט איר אן אבארשען און איר זענט אומזיכער ווי לאנג איר זענט שוין טראגעדיג, קענט איר אנרופן אדער באזוכן אן אבארשען פראָווײדער צו באשטימען אויב איר זענט בארעכטיגט. טייל אנדערע סטעיטס קענען אויך צושטעלן אבארשען סערוויסעס נאכן זיין לענגער טראגעדיג פאר סיי וועלכע סיבה.
- עס זענען דא צוויי סארטן אבארשענס: מעדיצין און א פראצעדור. אייער פראָווײדער וועט מעגליך רעקאמענדירן א געוויסע סארט לויט וואס איר ווילט ענדערש, לויט אייער מעדיצינישע היסטאריע און לויט די צאל וואכן זינט אייער לעצטע ווסת (פעריאד).
- אין NYS קענען צענערלינגען באקומען סעקסועלע געזונטהייט סערוויסעס, אריינרעכענענדיג אבארשען קעיר, ביי סיי וועלכע געזונטהייט קליניק אן ערלויבעניש אדער וויסן פון די עלטערן.
- אין NYS זענען דיסקרימינאציע און רדיפה אין פארבינדונג צו געזונטהייט באשלוסן ארום דאס האבן קינדער פארבאטן. פאר אומזיסטע ('פּראָ באָנאָ') לעגאלע אינפארמאציע איבער אבארשען, רופט די NY אטוירני דזשענעראל האטליין אויף 212-899-5567.

פאר מער אינפארמאציע איבערן טרעפן א פראָווײדער, באצאלונג און שטיצנדע סערוויסעס, צוטריט צו אבארשען פאר אימיגראנטן און איבערן באשיצן אייער געזונטהייט פריוואטקייט, רופט די צענטער אויף 877-692-2482 אדער באזוכט **nyc.gov/abortion**

*https://www.plannedparenthood.org/learn/abortion/considering-abortion/what-facts-about-abortion-do-i-need-know